STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10943

TSULIB VOS HOT DER MENSH TSVEY OYGN?

Ernst Mach

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-10943-6

9780657109431T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

כלל-פארלאג

2158

כלל-ביבליאָטעק

ערנסט מאך

צוליב וואָס האָט דער מענש צוויי אויגן?

כלל-פארלאג
בערלין 1922-תרפ״ב

Klal-Verlag / Berlin SW 68 / Verlängerte Charlottenstr. 1b

Copyright by Klal-Verlag, Berlin, 1922.

Klal-Druckerei, Berlin.

צוליב וואָס האָט דער מענטש צוויי אויגן? דער קינסטלער וואָלט אפשר געקאָנט ענטפערן, אַז דאָס איז צוליב דעם, בכדי עס זאָל ניט געשטערט ווערן די שיינע סימעטריע פונם פּנים. בכדי דאָס צווייטע אויג זאָל קאָנען רינען, ווען דאָס ערשטע איז געשעדיגט, זאָגט דער אויסגערעכנטער בעל־הבית. בכדי מיר זאָלן מיט צוויי אויגן באַוויינען די חטאים פון דער וועלט, מיינט דער פאַרפרומטער. דאָס קלינגט מאָדנע.

ווער איר זיך אָבער ווענדן מיט דער פראַגע צו אַ מאָדערנעם נאַטור־פאָרשער, וועט איר גליקליך אָפּשניידן, ווען איר וועט אָפּקומען נאָר מיט שרעק. איך בעט אייך איבער אייער כּבוד, מיין פריילין, וועט ער אייך ענטפערן מיט אַ שטרייַנגער מינע, צוליב גאָרנישט האָט דער מענטש זיינע אויגן; די נאַטור איז ניט קיין פּערזאָן און שטעלט זיך ניט קיין צוועקן.

און דאָס איז נאָך גאָרנישט. איך האָב געקענט אַ פּראָפעסאָר, וואָס האָט פאַר שרעק זיינע תּלמידים דאָס מויל פאַרמאַכט, ווען זיי האָבן אים געוואָלט שטעלן אַזאַ אומוויסנשאַפטליכע פראַגע.

פרעגט אָבער אַ מער געדולדיגן, פרעגט מיך. איך ווייס בעצם אויך ניט גענוי, צוליב וואָס אַ מענטש האָט צוויי אויגן, איך מיין אָבער צום טייל אויך צוליב דעם,

בכדי איך זאָל אייך היינט זעהן ראָ פּאַרואַמלט, און איך זאָל קאָנען שמועסן מיט אייך איבער אָט דער שווערער טעמע.

איר שמייכלט שוין ווידער און ווילט ניט גלויבן. איז אָבער דאָס טאַקע איינע פון יענע שאלות, וואָס הונדערט חכמים אינאיינעם זיינען ניט בכח זיי פולקום צו פאַרענטפערן. אין דער אמתן, פינף חכמים האָט איר שוין אויסגעהערט און די איבעריגע וואָלט איר געוויס וועלן פאַרשפאָרן צו הערן. דעם קינסטלער וועט איר ענטפערן, אַז מיט איין אויג אין מיטן שטערן וואָלטן מיר געוויס שוין אויסגעזעהן; דעם בעל-הבית וואָלט איר אָפּגעשלאָגן, אַז לויט זיין פּרינציפּ וואָלטן מיר געווען בעסער געדינט מיט 4 אָדער מיט 8 אויגן, און אין דעם פּרט זיינען מיר געוויס הינטערשטעליג לגבי די שפּינען; דעם צדיק וואָלט איר געזאָגט, אַז איר האָט בכלל קיין חשק ניט צו וויינען. דעם געלערנטן ווידער קאָנט איר ענטפערן, אַז דער מאַרבאָט פון דער פראַגע איז עלול מער צו רייצן אייער נייגעריגקייט, איידער זי צו שטילן. וואָס איז שייך מיר, קאָנט איר מיך אָפּפרעגן, אַז מיין פאַרגעניגן האָט בשום אופן ניט אַזאַ ווערט, אַז צוליב אים זאָלן אַלע מענשן דאַרפן טראָגן צוויי אויגן. נאָר ווייל איר זייט ניט צופרידן מיט מיין קורצן און קלאָרן ענטפער, מוזט איר שוין נעמען אויף זיך אויסצוהערן אַ לענגערן און גרינט-ליבערן ענטפער, ווי ווייט איך בין אים בכח צו געבן.

היות אָבער ווי דער נאַטור-וויסנשאַפטליכער דין פאַרבאָט צו שטעלן די פראַגע „צוליב וואָס“, וועלן מיר זי אַנדערש שטעלן. בכדי צו בלייבן וויסנ-

שאַפטליך פרום, ווען מיר פרעגן: דער מענש האָט צוויי אויגן; וואָס קאָן ער מיט צוויי אויגן מער זעהן, איידער מיט איינעם?

ערלויבט, איך זאָל אייך פירן אַביסל שפּאַצירן! מיר געפינען זיך אין אַ וואַלד. מיט וואָס איז אַן אמתער וואַלד שענער פאַרן שענסטן געמאָלטן וואַלד? צי איז דאָס די לעבעדיגקייט פון די פאַרבן, די פאַרטיילונג פון ליכט און שאָטן? איך מיין, אַז ניט. מיר דוכט פאַר־קערט, אַז אין דעם פּרט קאָן די מאָלעריי זעהר אַ סך אויפטון.

דעם מאָלערס געשיקטע האַנט קאָן אונז מיט איינינגע פּענזל־שטריכן אויסמאָלן געשטאַלטן, וואָס קאָנען אונז אויסווייזן זעהר פּלאַסטיש. נאָך מער קאָן מען דער־גרייכן מיט אַנדערע מיטלען. פאָטאָגראַפיעס לויט רעליעפן זיינען אַזוי פּלאַסטיש, אַז עס קאָן אויסרוכטן, אַז מען קאָן די הויכקייטן און די פאַרטיפונגען ממש אָנטאַפּן. איינס אָבער קאָן דער מאָלער קיינמאָל ניט געבן אַזוי לעבעדיג, ווי די נאַטור — דעם אונטערשייד פון נאָהענט און ווייט. אין אמתן וואַלד זעהט איר דייטליך, אַז איינינע בוימער קאָנט איר יאָ אָנטאַפּן מיט די הענט, אַנדערע אָבער זיינען ווייט, און איר קאָנט זיי ניט דערלאַנגען.

דעם מאָלערס בילד איז אומבאַוועגליך. דאָס בילד פון אמתן וואַלד בייט זיך, ווען איר מאַכט די קלענסטע באַוועגונג. באַלד באַהאַלט זיך איין צווייג הינטערן אַנדערן. באַלד אַנטפּלעקט זיך אַ בוים־שטאַם, וואָס איז געווען פאַרשטעלט הינטער אַנדערע.

לאָמיר דאָס באַטראַכטן עטוואָס גענויער. מיר פאַרבלייבן צוליב דער באַקוועמליכקייט פון די דאַמען אויף די ווענן I, II. רעכטס און לינקס איז דער וואַלד (פיגור 1). ווען מיר שטייען בײַ I, זעהען מיר, לאָמיר זאָגן, 3 ביימער (1, 2, 3) אין איין ריכטונג, אַזוי אַז דער ווייטערער איז שטענדיג פאַרשטעלט דורך דעם



פיגור 1

נעהענטערן ווי באַלד מיר גייען ווייטער, בייט זיך די גאַנצע לאַגע. פון פונקט II אויס דאַרפן מיר זיך ניט אומקוקן אַזוי ווייט צום ווייטסטן בוים 3, ווי צום נעהענטערן 2, און צום דאָזיגן ווידער ווינציגער, איידער צום בוים 1. דאָס הייסט, אַז באַם גיין ווייזט אויס, אַז נעהענטערע זאַכן שטייען מער אָפּ אויף צוריק, איידער די ווייטערע, און אויף אַזוי פיל מער, וואָס נעהענטער זיי זיינען. זעהר ווייטע זאַכן, וואָס באַם אַוועקגיין מוז מען אַ לאַנגע צייט קוקן אויף זיי כמעט אין איין און דער

זעלביגער ריכטונג, וועלן אויסווייזן, אַזוי ווי זיי גייען מיט. אַזוי באַלייט די לבנה דעם אייזנבאַן־צוג, וואָס יאָגט איבער דער לאַנדשאַפט.

ווען מיר זעהען פון הינטער אַ בערגל אַרויסשטאַרצן צוויי בוים־שפּיצן און מיר ווייסן ניט, וואָסער פון זיי איז ווייטער, קאָנען מיר דאָס זעהר גרינג דערגיין: מיר גייען נאָר ווייניגע טריט, לאָמיר זאָגן, רעכטס, און דער שפּיץ, וואָס וועט איצט אָפּטרעטן מער לינקס, דער איז דער נעהענטערער. דער געאָמעטער קאָן אַפילו לויט דער גרייס פון אָט דעם אָפּטרעטן באַשטימען דעם מהלך, ניט צוצוגיין צו די ביימער. דאָס, וואָס מען קאָן אויסמעסטן דעם מהלך פון די שטערן, איז אויך ניט אַנדערש, ווי די וויסנשאַפטליכע אויסבילדונג פון אָט דער באַמערקונג אונזערער.

בכן, איז פונם אומבייט פון דער אויסזיכט באַם גיין קאָן מען אויסמעסטן דעם מהלך צווישן די זאַכן אין זעה־פעלד.

שטריינג גענומען אָבער, האָבן מיר ניט נויטיג צו גיין. וואָרום יערער צוקוקער באַשטייט בעצם פון צוויי צוקוקערס. דער מענש האָט צוויי אויגן. דאָס רעכטע אויג איז מיט אַ קליינעם שריט רעכטס ווייטער פאַרן לינקען. בכן, וועלן ביידע אויגן באַקומען פאַרשיידענע בילדער פון זעלביגן וואַלד. דאָס רעכטע אויג וועט זעהן די נעהענטערע ביימער אָפּגערוקט לינקס, און אויף אַזוי פיל מער, וואָס נעהענטער זיי

זיינען. די ראָזינגע פאַרשיידנקייט איז נענוג אויף אָפּ־ צושאַצן דעם מהלך.

און באמת קאָנט איר דאָס איינזעהן פון די ווייטער־ דיגע פאַקטן:

1) מיט איין אויג (ווען דאָס צווייטע איז פאַרמאַכט) קאָנט איר ניט גענוי באַשטימען דעם מהלך. עס גיט זיך אייך, למשל, שווער איין אַריינצושטעקן אַ שטעקן אין אַ רינג, וואָס מען האַלט פאַר אייך; על פי רוב טרעפט איר פאַרביי אים.



פיגור 2

2) איר זעהט אַ זאַך מיטן רעכטן אויג אַנדערש, ווי מיטן לינקען.

שטעלט אַוועק אַ לאָמפּנשירעם אויפן טיש גראָד פאַר זיך מיט דער ברייטער זייט אַראָפּ און באַטראַכט אים פון אויבן. מיטן רעכטן אויג זעהט איר דאָס בילד 2, מיטן לינקען — דאָס בילד 1 (פיג. 2). שטעלט איר פאַרקערט אַוועק דעם שירעם מיט דער ברייטער עפענונג אַרויף, באַקומט דאָס רעכטע אויג דאָס בילד 4, דאָס לינקע — דאָס בילד 3. שוין עווקלידעס ברייננט אַזעלכע באַמערקונגען.

3) צולעצט ווייסט איר, אַז מיטביידע אויגן איז דעם מהלך גרינג צו דערקענען. בכן, שטאַמט דאָס דערקענען פון דער שותפישער ווירקונג פון ביידע אויגן. אין דעם אויבן געבראַכטן ביישפּיל וויזן די עפענונגען אונז אויס פאַררוקט בנוגע צו אַנאַנד אין די בילדער פון ביידע אויגן. אָט די פאַררוקונג איז גענוג, בכדי מיר זאָלן האַלטן איין עפענונג פאַר נעהענטער, איידער די אַנדערע.

איך בין דערין ניט מסופק, מיינע דאַמען, אַז איר האָט שוין געהערט זעהר אַ סך קאָמפּלימענטן, און זעהר פיינע, איבער אייערע אויגן, אָבער דאָס האָט אייך אַוודאַי נאָך קיינער ניט געזאָגט, — און איך ווייס ניט, צי וועט דאָס אייך הנאה טון — אַז איר האָט אין אייערע אויגן, אַלץ איינס צי שוואַרצע צי בלויע — קליינע געאָמעטערס!

איר ווייסט דערפון נישט, אַיאָ? איך ווייס דאָס בעצם אויך ניט. אָבער אַנדערש קאָן עס דאָך ניט

געמאָלט זיין. אַ סך פון געאָמעטריע פאַרשטייט איר דאָך מסתמא ניט? דאָס זייט איר דאָך מודה. אָבער מיט דער הילף פון אייערע אויגן מעסט איר דאָך פאָרט דעם מהלך. דאָס איז דאָך טאַקע אַ געאָמעטרישע אויפגאַבע. און איר קאָנט דאָך די אויפגאַבע פאַרענטפערן, וואָרום איר שאַצט דאָך אָפּ אַ מהלך. און אויב ניט איר פאַרענטפערט די אויפגאַבע, מוזן דאָס טון שטילערהייט די קליינע געאָמעטערס אין אייערע אויגן און אייך איינרוימען דעם ענטפער. איך בין ניט מסופק, אַז דאָס זיינען זעהר פלינקע יונגען.

נאָר אַ חידוש איז מיר, וואָס איר ווייסט גאָרנישט וועגן אָט די געאָמעטערס. אפשר ווייסן אויך יענע פון אייך גאָרנישט. אפשר זיינען דאָס ביז גאָר פינקט־ליכע באַאַמטע, וואָס ווילן פון קיין זאַך ניט וויסן, חוץ זייער ביוראָ. לאָמיר זיך אָקאָרשט אַ נעם טון פאַר די דאָזיגע יונגע לייט.

לאָמיר פאָרשטעלן דעם רעכטן אויג אַ בילד, וואָס זעהט אויס גענוי, ווי דער לאָמפּן־שירעם פאַרן רעכטן אויג, און דעם לינקען אויג — אַ בילד, וואָס זעהט אויס גענוי, ווי דער לאָמפּן־שירעם פאַרן לינקען אויג. דעמאָלט וועט אונז אויסדרוכטן, אַז מיר זעהען פאַר זיך פּאַקטיש דעם לאָמפּן־שירעם קערפּערליך.

איר קענט דעם פּרוב! ווער עס פאַרשטייט צו קוקן קאַסאָקע, קאָן אים באַלד דורכמאַכן אויף דער פיגור, באַטראַכטן מיטן רעכטן אויג דאָס רעכטע בילד, מיטן לינקען — דאָס לינקע בילד. אויף דעם אופן האָט דעם עקספּערימענט דורכגעפירט צוערשט עליאָט אין

יאָר 1834. פֿאַרפֿולקומט האָט אים אין 1838 וויטסטאָן דורך דעם ס ט ע ר ע אָ ס ק אָ פּ, וואָס ברויסטער האָט אים איבערגעמאַכט צום פּאָפּולערן און נוציגן אינסטרו־מענט.

דורך דעם סטערעאָסקאָפּ קאָן מען מיט דער הילף פֿון דער פֿאָטאָגראַפֿיע זיך פֿאַרשאַפֿן אַ זעהר בולט בילד פֿון ווייטע זאַכן אָדער בנינים. צוליב דעם דאַרף מען אַראָפּנעמען פֿון איין זאַך צוויי בילדער פֿון צוויי פֿאַר־שיידענע פּונקטן אַנטקעגן ביידע אויגן.

אָבער דער סטערעאָסקאָפּ גיט נאָך מער. ער קאָן באַווייזן אַזוינס, וואָס בּאַ אמתע זאַכן זעהט מען דאָס ניט מיט אַזאַ קלאָרקייט. איר ווייסט, אַז אויב איר זייט בעתן פֿאָטאָגראַפֿירן ניט געווען רוהיג, וועט אייער בילד אַרויסקומען מיט עטליכע קעפּ אָדער הענט, אַזוי ווי אַ אינדישער גאָט. און אין די ערטער, וואו זיי פֿאַרדעקן איינע די אַנדערע, זיינען ביידע צו זעהן מיט דער גלייכער דייטליכקייט, אַזוי אַז איין בילד שיינט דורך דורכן צווייטן. ווען אַ מענש גייט האַסטיג אַוועק, איידער דאָס אַראָפּנעמען איז געענדיגט, דעמאָלט באַווייזן זיך באַלד אויפֿן בילד די זאַכן הינטער אים, דער מענש ווערט דורכזיכטיג. דערויף זיינען באַגרינ־דעט די פֿאָטאָגראַפֿישע גייסטער־ערשיינונגען.

מען קאָן די דאָזיגע באַמערקונג מיט גרויס נוצן פֿאַרווענדן. מען פֿאָטאָגראַפֿירט, למשל, סטערעאָס־קאָפּיש אַ מאַשין און בעת דער אָפּעראַציע נעמט מען אַרויס פֿון איר איין טייל נאָכן אַנדערן (דערביי מוז דאָס אַראָפּנעמען, פֿאַרשטייט זיך, צוגיין מיט הפסקות).

רעמאָלט באַקומט מען אַזאַ בילד, אַז מען זעהט דייטליך, ווי עס בינדן זיך מיט אַנאַנד אַזעלכע טיילן, וואָס זיינען געוויינטליך פאַרשטעלט.

מיר זעהען, אַז די פאָטאָגראַפיע פּראָגרעסירט זעהר שטאַרק. עס איז פאַראַן אַ גרויסע סכנה, אַז אַ קלוגיטשקער פאָטאָגראַף וועט אין איין שיינעם טאָג אָפּפאָטאָגראַפירן זיינע קונדן, וואָס וועלן קיין זאַך ניט חושד זיין, אַזוי אַז מען זאָל קאָנען זעהן, וואָס בײַ זיי אינעווייניג אין האַרצן טוט זיך, מיט אַלע זייערע געראַנקען. וואָס פאַר אַ רוהיגקייט פאַר דער מלוכה! וויפיל וועלן רעמאָלט זיין געפינסן פאַר דער חשובער פּאָליציי!

אַזוי הייסט דאָס, אַז דורך דער פאַראײניגטער ווירקונג פון ביידע אויגן דערקענען מיר די ווייטקייטן און ממילא אויך די קערפּער־פאָרמען.

ערלויבט מיר אַרומצורעדן נאָך עטליכע ערפאַרונגען, וואָס וועלן אונז העלפן פאַרשטיין געוויסע ערשיינונגען פון דער קולטור־געשיכטע.

איר האָט שוין אָפטמאָלס געהערט און אויך אַליין באַמערקט, אַז ווייטערע זאַכן זעהען אונז אויס פּערספּעקטיוויש פאַרקלענערט. און באמת קאָנט איר דאָס גרינג איינזעהן, אַז איר קאָנט פאַרדעקן דאָס בילד פון אַ מענשן, וואָס איז דערווייטערט פון אייך אויף עטליכע טריט, מיטן קליינעם פינגער, ווען איר האַלט אים האַרט באַם אויג. פונדעסטוועגן באַמערקט איר

גאָרניט די דאָזיגע פאַרקלענערונג. אַייך דוכט זיך פאַרקערט אויס, אַז דער מענש, וואָס שטייט אין יענעמעק זאַל, איז פּונקט אַזוי גרויס, ווי דער, וואָס שטייט האַרט נעבן אייך. וואָרום דאָס אויג דערקענט דעם מהלך און שאַצט לויט דעם ווייטערע זאַכן גרעסער. דאָס אויג ווייס, אַזוי צו זאָגן, וועגן דער פּערספּעקטיווישער פאַרקלענערונג און לאָזט זיך ניט פאַרפירן דורך איר, אַפילו ווען דער מענש גופא ווייס פון איר ניט. דער, וואָס האָט געפּרובט צו צייכענען נאָך דער נאַטור, דער האָט געשפּירט די שוועריגקייט, וואָס אים האָט פאַרשאַפט אָט די גרויסע געלערנטקייט פון דעם אויג באַם פּערספּעקטיווישן אויפנעמען. ערשט ווען עס ווערט שווער צו באַשטימען דעם מהלך, ווען ער איז צו גרויס און עס גייט פאַרלאָרן די מאָס, אָדער ווען דער מהלך בייט זיך צו גיך, דעמאָלט טרעט די פּערספּעקטיוו דייטליך אַרויס.

ווען איר קוקט אַרויס פּלוצים פון אַ גיך לויפנדיגן צוג, דעמאָלט ווייזן אייך אויס אָפטמאָלס די מענשן דרויסן אויף אַ בערגל, ווי קליינע ליאַלקעס, וואָרום עס פעלט אייך די מאָס פאַר דער ווייטקייט. די שטיינער באַם אַריינגאַנג אין אַ טונעל ווערן באַשיימפּערליך גרעסער בעתן אַריינפאָרן, זיי פאַרקלענערן זיך בעתן אַרויספאָרן.

ביידע אויגן ווירקן געוויינטליך צוזאַמען. היות ווי געוויסע בילדער חזרן זיך זעהר אָפט איבער און ברייגנען געוויינטליך צו גאַנץ ענליכע אָפּשאַצונגען פון דער ווייטקייט, דעריבער מוזן די אויגן זיך אויסלערנען זיי ריכטיג צו באַשטימען. און סוף כל סוף איז די גע־

לערנטקייט אַזוי גרויס, אַז אַפילו איין אויג שטעלט זיך אַליין איין צו פסקענען.

ערלויבט מיר דאָס צו דערקלערן דורך אַ ביישפּיל. וואָס קאָן אייך זיין באַקאַנטער, ווי אַ ווייטאויסקוק אויף אַ גאַס? ווער האָט עס ניט אַמאָל אַריינגעקוקט מיט ביידע אויגן אין אַ גאַס און געפּרובט אויסמעסטן איר ווייטקייט? איצט זייט איר אין אַ קונסט־אויס־שטעלונג און געפינט דאָרט אַ בילד, וואָס שטעלט פאָר אַ ווייטאויסקוק אין אַ גאַס. דער קינסטלער האָט ניט געזשאַלעוועט קיין ווירע, בכדי צו מאַכן די פּערספּעק־טיוו ריכטיג. דער געאָמעטער אין אייער לינקען אויג קלערט זיך: אָ, די זאַך האָב איך שוין הונדערט מאָל אויסגעחשבונט, איך ווייס דאָס שוין אויסווייניג. דאָס איז אַ ווייטאויסקוק אין אַ גאַס — זאָגט ער — דאָרט, וואו די הייזער ווערן נידעריגער, איז דער ווייטערער עק. דער געאָמעטער אין רעכטן אויג פוילט זיך אויך צו פרעגן באַ זיין חבר און זאָגט דאָס זעלבינע. אָבער באַלד דערוועקט זיך פאָרט דאָס חוב־געפיל פון די פינקטליכע באַאַמטע, זיי חשבונען טאַקע און געפינען, אַז אַלע פונקטן פונם בילד זיינען גלייך ווייט, ד. ה. זיי געפינען זיך אויף איין בלאַט.

וואָס האַלט איר איצט פאַר ריכטיג, די ערשטע אָדער די צווייטע מיינונג? אויב די ערשטע איז ריכטיג, דעמאָלט וועט איר דייטליך אַ ווייטאויסקוק, איז ריכטיג די צווייטע, וועט איר נישט אַנדערש נאָר אַ טאָוול באַ־מאָלט מיט צעדרייטע בילדער.

פאַר אייך איז עס אַ קאַטאָוועס צו באַטראַכטן אַ בילד און צו פאַרשטיין זיין פּערספּעקטיוו. און דאָך זיינען

פֿאַרגאַנגענע טויזנטער יאָרן, איידער די מענשהייט האָט זיך אָט דעם קאַטאָװעס אויסגעלערנט, און דער גרעסטער רוב פֿון אײך האָט אים ערשט דורך ערציהונג אויסגעלערנט.

איך דערמאָן זיך זעהר גוט, אַז בעת איך בין געװען אַ דרײ יאָר אַלט, האָבן מיר אַלע פּערספּעקטיװישע צייכענונגען אויסגעװיזן װי קאַריקאַטורן פֿון זאַכן. איך האָב ניט געקאָנט פֿאַרשטײן, פֿאַרװאָס דער מאָלער האָט אויסגעמאָלט דעם טיש פֿון איין זייט אַזוי ברייט און פֿון דער אַנדער זייט אַזוי שמאָל. דער אמתער טיש האָט מיר דאָך אויסגעװיזן באַם װייטן עק פּונקט אַזוי ברייט, װי באַם נעהענטערן, װייל מיין אויג האָט גערעכנט אָהן מיין װיסן און װילן. אָבער אַז מען דאַרף דאָס בילד פֿונם טיש אויפֿן פֿלאַך זעהן ניט װי אַ באַמאָלטן פֿלאַך, נאָר מען באַדאַרף דאָס אויסטייטשן, װי אַ טיש, און עס אַרײנשטעלן אויך אין דער טיף, דאָס איז געװען אַ קאַטאָװעס, װאָס איך האָב ניט פֿאַרשטאַנען. מיין טרייסט איז, װאָס גאַנצע פֿעלקער האָבן אים אויך ניט פֿאַרשטאַנען.

פֿאַראַן נאַאיװע נאַטורן, װאָס האַלטן דעם כּלומרשטן מאָרד אויף דער בינע פֿאַר אַן אמתן מאָרד און די פֿאָרגעשטעלטע געשעהעניש פֿאַר אַן אמתער געשעהעניש, און די נאַאיװע נאַטורן װילן לויפֿן צו הילף די קרבנות, װאָס ליידן אויף דער סצענע. אַנדערע װידער קאָנען ניט פֿאַרגעסן, אַז די קוליסן זיינען נאָר געמאָלטע בוימער, און ריטשאַרד דער III איז נאָר דער און דער אַקטיאָר, װאָס זיי האָבן זיך שוין גע־

טראָפן מיט אים אין אַ געזעלשאַפט. ביידע טעותים זיינען גלייך גרויס.

בכדי ריכטיג צו באַטראַכטן אַ דראַמע און אַ בילד, מוז מען וויסן, אַז ביידע זיינען צוגלייך אי אַן אָנשטעל אי זיי באַטייטן עפעס ווירקליכס. דערצו איז נויטיג, אַז דאָס אינעווייניגסטע גייסטיגע לעבן זאָל האָבן אַ געוויסע איבערוואָג איבערן חושים־לעבן, וואָס דאָס ערשטע זאָל דערביי דורכן דירעקטן איינדרוק ניט מער פאַרשטיקט ווערן. עס איז דערצו נויטיג אַ געוויסע פרייהייט צו באַשטימען זיך אַליין דעם אייגענעם שטאַנדפונקט, אַ געוויסער הומאָר, וואָלט איך געזאָגט, וואָס באַם קינד און באַ יונגע פעלקער פעלט דאָס.

לאָמיר באַטראַכטן איינגע היסטאָרישע פאַקטן. איך וויל ניט זיין אַזוי גרינטליך אָנצוהויבן באַ דער שטיינצייט, הגם מיר פאַרמאָגן אויך פון יענער צייט צייכענונגען, וואָס זיינען זעהר אָריגינעל אין דער פערספעקטיוו.

מיר טרעטן אָבער אַריין אין די קברים־הייזער און די טעמפל־חורבות פון אַלטן עגיפטן, וואָס זיינען מיט זייערע רעליעפן און מיט זייער פאַרבן־פראַכט ביי־געשטאַנען יאָרטויזנטער. עס אַנטפלעקט זיך פאַר אונז אַ רייך, פילפאַרביג לעבן. מיר געפינען די עגיפטער אויסגעמאָלט אין אַלע פאַרהעלטענישן פון לעבן. קודם כל וואַרפט זיך אונז אין די אויגן באַ די ראָזינע בילדער די פיינקייט פון דער טעכנישער אויספירונג. די קאָנטורן זיינען צאַרט און שאַרף ביז גאָר. פון דער אַנדער זייט געפינען זיך גאָר ווינציג העלע פאַרבן, אָהן

מישונג און איבערגאַנג. קיין שאָטן איז גאָר ניטאָ. די פלאַכן זיינען גלייכמאָסיג גרונדירט.

אָפּשרעקנדיג פאַרן מאָדערנעם אויג איז די פּער־ספּעקטיוו. אַלע פיגורן זיינען גלייך גרויס, חוץ דעם קיניג, וואָס איז אויסגעמאָלט צו גרויס. נאָהענטס און ווייטס זעהט אויס גלייך גרויס. קיין פּערספּעקטיווישע פאַרקירצונג איז קיינמאָל ניטאָ. אַ סאַזשלקע מיט וואַסער־פויגלען ווערט פאָרגעשטעלט אין ווערטיקאַלן פלאַך, אַזוי ווי דער אויבערפלאַך פונם וואַסער וואָלט באמת געווען ווערטיקאַל.

די מענשליכע פיגורן זיינען אויסגעמאָלט אַזוי, אַז מען זעהט זיי קיינמאָל ניט: די פיס פון דער זייט, דאָס פּנים אין פּראָפיל. די ברוסט ליגט שטענדיג אין דער גאַנצער ברייט אין דעם צייכן־פלאַך. דער קאָפּ פון אַן אָקס קומט אויס אין פּראָפיל, בעת די הערנער זיינען ליגן ווידער אין צייכן־פלאַך. דעם פּרינציפּ, וואָס די עגיפּטער האָבן אָפּגעהיט, וואָלט מען אפשר געקאָנט צום בעסטן פאָרמולירן אַזוי: די פיגורן זיינען אין דעם צייכן־פלאַך געפּרעסט אַזוי, ווי געוויקסן אין אַ הערבאַריום.

די זאַך לאָזט זיך דערקלערן פּשוט. ווי באַלד די עגיפּטער זיינען געווינט געווען צו באַטראַכטן די זאַכן מיט ביידע אויגן ניט געקלערט, האָבן זיי ניט געוואוסט, ווי אַזוי מען שטעלט אַריין אַ פּערספּעקטיוויש בילד אין רוים. זיי האָבן געזעהן אַלע הענט און פיס באַ לעבעדיגע מענשן אין דער נאַטירליכער לייגג. די פי־גורן געפּרעסט אויפן פלאַך האָבן, פאַרשטייט זיך, אין זייערע אויגן אויסגעזעהן ענליכער צו די אָריגינאַלן, איידער די פּערספּעקטיווישע.

מען קאָן דאָס נאָך בעסער תּופס זיין, ווען מען האָט אין זינען, אַז די מאָלעריי האָט זיך אַנטוויקלט פונם רעליעף. די קלענערע אומענליכקייטן צווישן די גע־פּרעסטע פיגורן און די אָריגינאַלן האָבן בהדרגה געמוזט פירן צו דער פּערספּעקטיווישער צייכענונג. פּיזיאָלאָ־גיש איז די עגיפּטישע מאָלעריי פּונקט אַזוי באַרעכטיגט, ווי די צייכענונגען פון אונזערע קינדער.

אַ קליינעם שריט פאָראויס לגבי עגיפּטן שטעלט שוין פאָר אשור. די רעליעפן, וואָס מען האָט געפונען אין די חורבות־בערגלאַך פון נמרוד באַ מאָסול, זיינען בכלל ענליך צו די עגיפּטישע. זיי זיינען אונז באַקאַנט גע־וואָרן דער עיקר דורכן געלערנטן לייאַרד.

אין אַ נייעם פּאַזיס טרעט די מאָלעריי אַריין באַ די כינעזער. זיי האָבן בלי שום ספק אַ געפיל פאַר פּער־ספּעקטיוו און פאַר ריכטיגער שאַטירונג, זיי זיינען אָבער דערין ניט קאָנסעקווענט. זיי האָבן, ווי עס ווייזט אויס, אויך דאָ געמאַכט אַן אָנהויב, אָבער זיי זיינען ניט ווייט אַוועק. דערצו שטערט אויך זייער שפּראַך, וואָס האָט זיך נאָך ניט, פּונקט ווי די קינדער־שפּראַך, אַנטוויקלט צו אַ גראַמאַטיק, אָדער, לויטן מאָדערנעם פאַרשטאַנד, זי האָט זיך נאָך ניט אַראָפּגעלאָזט צו אַ גראַמאַטיק. דערצו שטימט אויך זייער מוזיק, וואָס באַגענוגנט זיך מיט אַ גאַמע פון פינף טענער.

די וואַנט־געמעלן פון הערקולאַנום און פּאָמפּיי צייכענען זיך אויס, חוץ דער פיינקייט פון דער צייכענונג, דורך אַ דייטליכן געפיל פאַר פּערספּעקטיוו און ריכטיגער באַלייכטונג, נאָר זיי זיינען דורכאויס ניט פּינקטליך אין דער קאָנסטרוקציע. אויך דאָ געפינען מיר, אַז פאַר־

קירצונגען זיינען אויסגעמיטן געוואָרן, און דערפֿאַר ווערן די גלידער טיילמאָלס געשטעלט אין אַן אומנאַטירליכער לאַגע, וואו זיי ערשיינען אין זייער גאַנצער לייננ. אָפטער באַווייזן זיך פֿאַרקירצונגען בּאַ בּאַקליידטע, אייי־דער בּאַ ניט בּאַקליידטע פיגורן.

די ראָזיגע ערשיינונגען האָבּ איך אָנגעהויבּן פֿאַרשטייין דורך איינינע פּשוטע עקספּערימענטן, וואָס ווייזן, ווי פֿאַרשיידן מען קאָן זעהן איין און די זעלבּיגע זאַך, געווענדט אָן דעם, ווי מען קוקט אויף איר, ווי בּאַלד אַז מען האָט נאָר אַ געוויסע ממשלה איבּער די אייגענע חושים.


פיגור 3

בּאַטראַכט אָקאָרשט די צייכענונג אויף פיגור 3. זי קאָן אייך פֿאָרשטעלן אַן איינגעקנייטשטן בּויגן פּאַפּיר, וואָס איז געווענדט צו אייך אָדער מיטן קנייטש אָדער מיט די זייטן. איר קאָנט אויפנעמען די צייכענונג סיי אין דעם און סיי אין יענעם זין, און זי וועט אין בּיידע פֿאַלן ערשיינען אייך פֿאַרשיידן.

ווען איר שטעלט אַוועק פֿאַר זיך אויפן טיש אַן איינגעקנייטשטן בּויגן פּאַפּיר מיטן קנייטש געווענדט צו זיך און וועט קוקן אויף אים מיט איין אויג, וועט זיך דאָס בּילד פֿאַר אייך בּייטן: אָט וועט איר דעם בּויגן זעהן, ווי ער איז, מיטן קנייטש צו אייך, און אָט וועט איר זעהן די איינגעבּויגענע זייטן. דערבּיי ווייזט זיך אַרויס אַ מערקווירדיגע זאַך. ווען איר זעהט דעם בּויגן ריכטיג, דעמאָלט איז קיין בּאַזונדערס ניטאָ, ניט אין דער

פאָרם און ניט אין דער באַלייכטונג. קוים אָבער באַווײַזט ער זיך אײַך אײַנגעבוינן, דעמאָלט זעהט איר אים פּערספּעקטיוויש צעדרייט, דאָס ליכט ערשײַנט אַ סך העלער, דער שאָטן טונקעלער, אַזוי ווי ער וואָלט געווען אויסגעמאָלט מיט געדיכטע פאַרבן. ליכט און שאָטן זײַנען איצט ניט מאָטיווירט; זיי פּאַסן מער ניט צו דער פאָרם פון קערפּער און וואַרפן זיך דערפאַר מער אין די אויגן.

אין געוויינטליכן לעבן נוצן מיר אויס די פּערספּעקטיוו און די באַלייכטונג פון די געזעהענע זאַכן, בכדי צו דערקענען זייער לאַגע און זייער פאָרם. מיר באַמערקן מחמת דעם ניט די ליכט און שאָטן און די פאַרדרייאונגען. זיי באַווייזן זיך אין באַוואוסטזיין נאָר דעמאָלט, ווען מיר ווערן אָן אַן אַנדער רוימליכע אויסטײַטשונג, ווי געוויינטליך. ווען מען באַטראַכט דאָס פלאַכע בילד פון אַ קאַמעראַ אָבסקוראַ, ווערט מען גשתומם איבער דער שפע פון ליכט און איבער דער טיפקייט פון די שאָטנס, וואָס בײַ דיווירקליכע זאַכן באַמערקט מען ווי בײדע קוים.

יונגערהייט האָבן שאָטן און ליכט אויף בילדער אויסגעוויזן מיר ווי פּשוטע פלעקן אָהן אַ טעם. אַז איך האָב קינדווייז אָנגעהויבן צייכענען, האָב איך געהאַלטן, אַז דאָס, וואָס מען שאַטירט, איז דאָס גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַרײַן. איך האָב אײנמאָל געמאָלט דעם פּאָרטרעט פון פּאַסטאָר, אונזער אַ הויזפרײַנט, און האָב אַ העלפט פון זיין פּנים רעטושירט אין גאַנצן שוואַרץ, ניט ווייל מען האָט עס באַדאַרפט אַזוי טון, נייערט ווייל איך האָב עס אַזוי געזעהן אויף אַנדערע

בילדער. דערפֿאַר האָב איך געהאַט אויסצושטיין אַ שאַרפֿע קריטיק מצד מיין מוטער, און מיין טיף באַליידינטער קינסטלער־שטאָלץ איז מסתמא די סיבה, פֿאַרוואָס אַט די אַלע מעשיות זיינען אַזוי פֿאַרבליבן מיר אין זכרון.

איר זעהט בכן, אַז ניט בלויז אינם לעבן פֿון יחיד, אויך אין לעבן פֿון דער מענשהייט, אין דער קולטור־נעשיכטע לאָזן זיך אַ סך זאַכן דערקלערן פֿונם פּשוטן פֿאַקט, וואָס דער מענש האָט צוויי אויגן.

זאָלט איר אומבייטן דעם מענשנס אויג, בייט זיך אום זיין קוק אויף דער וועלט. מיר האָבן שוין באַזוכט אונזערע נעהענטערע קרובים, די עניפּטער, כינעזער, די אַלטע רוימער. לאָמיר איצט וואַרפֿן אַ קוק אויף די וויטערע קרובים, די מאַלפּעס און אַנדערע בעלי־חיים. ווי גאָר אַנדערש מוז די וועלט אויסזעהן פֿאַר יענע בעלי־חיים, וואָס האָבן לחלוטין אַן אַנדער מין אויגן, ווי דער מענש, אַשטייגער די אינזעקטן. דערווייל אָבער איז די וויסנשאַפֿט נאָך ניט בכח דאָס פֿאָרצושטעלן, ווייל מיר ווייסן נאָך צו ווייניג, ווי אַזוי עס פֿונקציאָנירן די דאָזיגע אָרגאַנען. פֿאַר אונז איז שוין אַ רעטעניש, ווי אַזוי זעהט אויס די נאַטור פֿאַר אַזעלכע בעלי־חיים, ווי די פֿויגלען, וואָס זעהען כמעט קיין איין זאַך ניט מיט ביידע אויגן צוגלייך, נאָר זיי האָבן, פֿאַרקערט, פֿאַר יעדן אויג אַ באַזונדער זעה־פֿעלד, ווייל די אויגן זיינען באַ זיי געשטעלט אין ביידע זייטן קאָפּ.

דעם מענשנס נשמה איז איינגעשפּאַרט אין איר הויז, אין קאָפּ; זי באַטראַכט די נאַטור דורך אירע

ביירע פענסטער, דורך די אויגן. זי וואָלט אויך גערן געווען צו וויסן, ווי אַזוי זעהט די נאַטור אויס דורך אַנדערע פענסטער. אין פלוק קאָן מען דאָס ניט אויספירן. נאָר די ליבשאַפט צו דער נאַטור געפינט שוין וועגן. אויך אין דעם פרט איז שוין עפּעס אויפגעטאָן געוואָרן.

איך שטעל אַוועק פאַר זיך אַ ווינקל־שפּיגל, וואָס באַשטייט פון צוויי פלאַכע שפּיגלען, וואָס זיינען ווינציג צוגעבויגן איינער צום אַנדערן. דעמאָלט זעה איך מיין פּנים צוויי מאָל. אין רעכטן שפּיגל זעה איך פון דער רעכטער זייט, אין לינקען שפּיגל — פון דער לינקער זייט. אַזוי זעה איך אויך דאָס פּנים פון אַ מענשן, וואָס שטייט פאַר מיר, מיטן רעכטן אויג מער פון רעכטס, מיטן לינקען אויג מער פון לינקס. בכדי אָבער צו באַקומען פון איין פּנים אַ ז ו י ש ט אַ ר ק פ אַ ר ש י י־ ד ע נ ע אָנבליקן, ווי אין ווינקל־שפּיגל, וואָלטן מיינע ביידע אויגן באַדאַרפט זיין אַ סך ווייטער פון אַנאַנד, ווי זיי זיינען מיט אַן אמת. ווען איך פּרוב קוקן צוגלייך מיטן רעכטן אויג אויפן בילד פון רעכטן שפּיגל און מיטן לינקען אויג אויפן בילד פון לינקען שפּיגל, דעמאָלט בין איך, ווי אַ ריז, מיט אַן אומגעהויער גרויסן קאָפּ און מיט ווייט פונאַנדערגעשטעלטע אויגן. און לויט דעם איז אויך דער איינדרוק, וואָס מיין פּנים מאַכט אויף מיר. איך זעה עס דעמאָלט פּשוט און קערפּערליך. וואָס לענגער מען קוקט, אַלץ מער וואַקסט פון סעקונדע צו סעקונדע די בולטקייט, די ברעמען שטאַרצן ווייט אַרויס פאַר די אויגן, די נאָז וויזט אויס אויסגעוואַקסן אַזוי לאַנג, ווי אַ שוך, די וואָנצעס שפּריגען אַרויס פון

די ליפּן, ווי אַ פאָנטאַן, די צוויי ליגן ווייט אָהן אַ שיעור הינטער די ליפּן. דאָס שרעקליכסטע באַ אָט דער ערשיינונג איז די נאָז. איך מיין צו נעמען אויף אָט דעם פּשוטן אַפּאַראַט אַ פּאַטענט און אים צו רעקאָמענדירן דער שפּאַנישער רעגירונג אים אַוועקצושטעלן אין אירע קאַנצעלאַריעס.



פיגור 4

אינטערעסאַנט איז אין דעם פּרט דער טעלעסטערעאָסקאָפּ, וואָס העלמהאָלץ האָט אים באַשריבן (פּיג. 4). מען באַטראַכט אַ געגנט אויף אַזאַ אופן: מיטן רעכטן אויג קוקט מען אַריין דורכן שפּיגל a אין שפּיגל A און מיטן לינקען אויג דורכן שפּיגל b אין שפּיגל B. די שפּיגלען A און B שטייען אָפּ ווייט פון אַנאַנדער. דאָ זעהט מען ווידער ווי מיט די ווייט־אָפּשטייענדיגע אויגן פון אַ ריז. אַלץ ווייזט אויס פאַרקלענערט און דערנעהענטערט. ווייטע בערג זעהען אויס ווי שטיינער באַוואַקסן מיט מעך, וואָס ליגן פאַר די פיס. אַ שטאָט זעהט אויס, ווי אַ פאַרקלענערטער מאָדעל, אַן אמתער ליליפּוט. איר האָט כמעט חשק אַ גלעט צו טון מיט דער האַנט איבערן צאַרטן וואַלד און איבער דער שטאָט, אויב איר וואָלט ניט מורא געהאַט זיך צו פאַרשטעכן

אָן די גאָרל־שאַרפע טורעם־שפּיצן אָדער זיי נאָר אָפּ־צובּרעכן. ליליפּוט איז ניט קיין אויסגעקלערטע מעשה: מען דאַרף נאָר האָבּן סוויפטס אויגן, ד. ה. דעם מעלעסטערעאָסקאָפּ, בּכדי אים צו זעהן.

היינט מאָלט זיך אוים דעם פאַרקערטן פאַל. מיר זיינען אַזוי קליין, אַז אין אַ וואַלד פון מעך קאָנען מיר גיין שפּאַצירן, און אונזערע אויגן זיינען אין דער זעלבּיגער מאָס דערנעהענטערט צו אַנאַנד. די מעך־שטיקלאַך וועלן אונז אויסזעהן, ווי אַ וואַלד. איבּער אים קריכן אַרום געוואַלדיגע משונהדיגע בּרואים, וואָס מיר האָבּן קיינמאָל אַזעלכע ניט געזעהן. די צווייגן פונם דעמבּ, וואָס בּאַ זיין פוס ליגט דער מעך־וואַלד, וואו מיר שפּאַצירן, ווייזן אונז אוים, ווי אומבּאַוועגליכע, פינסטערע, פאַרצווייגטע וואָלקנס אויסגעמאָלט הויך אין הימל, אַן ערך אַזוי, ווי די איינוואוינער פון סאַטורנוס דאַרפן זעהן זייער רינג. אויף די שטאַמען פונם מעך־וואַלד געפינען מיר מעכטיגע, דורכזיכטיגע גלאַנציגע קיילאַכן פון איי־ניגע פוס אין דורכמאָס. זיי וויגן זיך פּאַוואָליע אויפן ווינט. מיר גייען צו נעהענטער. מיר בּאַטראַכטן נייגעריג די קיילאַכן, וואָס אין זיי ווידעמען זיך אַרום פריילין לעבּעדיגע בּאַשעפעניש, און מיר ווערן געוואָר, אַז זיי זיינען פליסיג, אַז זיי זיינען וואַסער. איך ריר זיי אומפאָרזיכטיג אָן און — אַ צרה איז געשען — אַ בּאַהאַלטענער כּח האָט מיין האַנט אַריינגעצויגן אין קיילאַך אַריין און לאָזט ניט אָפּ! דאָס האָט אַ טוי־טראָפּן אַריינגעזויגן אין זיך אַ מענשל דורכן כּח פון דער קאַפּילאַריטעט, אוים נקמה דערפאַר, וואָס דער מענש זויגט אַריין אַזוי פיל טראָפּנס בּאַם פריהשטיק. דו האָסט

עס באַראַרפּט ווּיסן, די קלײנינקער נאַטורפאָרשערל, אַז בּאַ דײַן איצטיגער גרײס טאָרסטו זיך מיט דער קאַפּילאַריטעט ניט שפּילן.

די שרעק בּאַ דער מעשה בּרײנגט מיך צו זיך. איך בּאַמערק, אַז איך בּין געוואָרן צו אידיליש. איר מוזט מיר מוחל זײַן! אַ שטיק מעד־וואַלד מיט זײַן קלײנער בּאַפעלקערונג האָט פאַר מיר אַ סך מער אינטערעס, ווי אַ טײל ליטעראַטור מיט איר פאַרגעטערונג פונם מענשליכן. ווען איך וואָלט געהאַט טאַלענט צו שרײבּן נאָוועלעס, וואָלט דאָרט געווים ניט געווען קײן רײד וועגן האַנס און גרעטע. אויך ניט בּאַם נילוס און אין דער צײַט פון די פּרעהס פון אַלטן מצרים וואָלט איך מײַן פאָר אַרײַנגעזעצט, הגם גלײַכער שוין, אײדער אין דער הײַנטיגער צײַט. וואָרום איך מוז אָפנהאַרציג מודה זײַן, איך האָבּ פײַנט דעם היסטאָרישן שונד, ווי אינטערעסאַנט ער זאָל אויך זײַן צום זעהן. וואָרום מען קאָן אים ניט בּלויז בּאַטראַכטן, מען מוז אים אויך פילן, וואָרום ער אַנטפּלעקט זיך אונז מיט דער גאוה פון חווק און ניט בּאַזיגט.

דער העלד פון מײַן נאָוועלע וואָלט געראַרפּט זײַן אַ מאַי־בּאַבּעלע, וואָס הויבּט זיך אויף אין פינפטן יאָר פון זײַן לעבּן פרײַ אין דער לופט אויף די נײַ־געוואַקסענע פליגלען. עס וואָלט בּאמת ניט געשאַרט, ווען דער מענש וואָלט געפּרובּט צו בּאַקעמפן זײַן אײַנגעבּאָרענע און אײַנגעווײנטע בּאַגרעניצטקײט דורך דעם, וואָס ער וואָלט געזוכט צו בּאַקענען זיך מיטן לעבּנס־קוק פון קרובישע בּאַשעפענישן. ער וואָלט דורך דעם אַ סך מער געוואונען, ווי דער קלײנשטעטער, וואָס איז גע־

וואָרן אַ וועלטרייזנדער און האָט זיך געאַקענט מיט די מנהגים פון פרעמד'ע פעלקער.

איך האָב אייך געפירט איבער פאַרשיידענע וועגן און שטעגן, ניט גאָר גלייכע, בכדי אייך צו ווייזן, וואו אַהין מען קאָן גרייכן, ווען מען זאָל קאָנסעקווענט נאָכשפּירן נאָך איין איינציגן נאַטורוויסנשאַפטליכן פאַקט. די גענויערע באַטראַכטונג פונם מענשנס בּיירע אויגן האָט אונז לא די וואָס דערפירט בּיז צו דעם קינדס־עלטער פון דער מענשהייט, זי האָט אונז אַרויסגעבּראַכט אַפילו איבּער דעם מענשן אַרויס.

איר האָט זיך שוין מסתמא אָפּטמאָלס אָפּגעשטעלט דערויף, וואָס מען טיילט איין די וויסנשאַפט אין צוויי קלאַסן, וואָס מען שטעלט אַנטקעגן די נאַטורוויסנשאַפטן די אַזוי גערופענע הומאַניסטישע, וואָס געהערן צו דער אַזוי גערופענער „העכערער בּילדונג“.

איך מוז מודה זיין, איך גלויב ניט אין אָט דער צווייטיילונג פון דער וויסנשאַפט. איך גלויב, אַז אין אַ ווייטער געקומענער צייט וועט אָט די מיינונג אויסווייזן פונקט אַזוי נאַאיוו, ווי עס איז פאַר אונז די פּערספּעקטיוולאָזיגקייט פון דער עגיפּטישער מאָלעריי. צי קאָן דען געמאָלט זיין, אַז מען זאָל טאַקע גאָר פון עטליכע אַלטע טעפּ און פאַרמעטן, וואָס זיינען דאָך נאָר אַ פּיצעלע נאַטור, קאָנען שעפּן די „העכערע בּילדונג“, אַז נאָר פון זיי אַליין זאָל מען קאָנען מער לערנען, ווי פון דער גאַנצער איבּעריגער נאַטור? איך מיין, אַז בּיידע וויסנשאַפטן זיינען נאָר שטיקער פון איין און דער זעלבּיגער וויסנשאַפט, וואָס האָבּן אָנגעהויבּן פון פאַרשיי־

רענע עקן. אויב ביידע עקן קריגן זיך נאָך דערווײַל אַרום, מיין איך, אַז דאָס איז נאָר אַן אָנשטעל. סוף כּל סוף וועלן זיי זיך פֿאָרט בשלום פֿאַראייניגן.

די פֿילאָלאָגיע האָט אָנגעהויבן מיט אַ פֿאַרגעטערונג פֿון די גריכן. אָבער איצט ציהט זי שוין אַריין אין קרייז פֿון אירע פֿאָרשונגען אויך אַנדערע שפּראַכן, אַנדערע פֿעלקער מיט זייער געשיכטע; זי שליסט שוין איצט, הגם פֿאָרזיכטיג, דורך דער פֿאַרמיטעלונג פֿון דער פֿאַרגלייכנדיגער שפּראַך־פֿאָרשונג, פֿריינטשאַפֿט מיט דער פֿיזיאָלאָגיע.

די נאַטור־וויסנשאַפֿט האָט אָנגעהויבן אין דער מכשפֿה־קיך. איצט שפּרייט זי זיך אויס איבער דער אָרגאַנישער און ניט־אָרגאַנישער וועלט; זי רוקט זיך שוין אַריין מיט דער פֿיזיאָלאָגיע פֿון די שפּראַך־קלאַנגען, מיט דער טעאָריע פֿון די חושים אינם געביט פֿון דער גייסטיגער וועלט.

קורץ גערעדט, מיר לערנען זיך אויס צו פֿאַרשטיין אַ סך זאַכן אין אונז נאָר דורך אַ בליק אין דרויסן אַרויס, און פֿאַרקערט. איטליכער אָביעקט געהער צו ביידע וויסנשאַפֿטן. איר, מיינע דאַמען, זייט אַוודאַי זעהר אינטערעסאַנטע און האַרבע פּראָבלעמען פֿאַרן פּסיכאָלאָג. איר זייט אָבער אויך גאַנץ פֿיינע נאַטור־ערשיינונגען. קירך און מלוכה זיינען אָביעקטן פֿאַרן היסטאָריקער, אָבער ניט ווינציגער אויך נאַטור־ערשיינונגען, און טאַקע צום טייל זעהר מאָרנע.

אויב די היסטאָרישע וויסנשאַפֿטן פֿאַרברייטערן אונזער בליק דורכדעם, וואָס זיי ווייזן אונז די אָנשויאונגען פֿון

פאַרשיירענע פעלקער, טוען דאָס אין אַ געוויסן זין נאָך מער די נאַטורוויסנשאַפטן. ווייל זיי מאַכן דעם מענטשן ממש פאַרשווינדן אין דעם וועלט־אַל, ווייל זיי מאַכן אים ממש צו נישט, צווינגען זיי אים צו נעמען זיין שטאַנדפּונקט אויסער זיך, צו מעסטן מיט אַנדערע מאָסן, ווי די קליינבירגערליך־מענשליכע.

ווען איר וואָלט מיך איצט געפרעגט, צוליב וואָס האָט דער מענטש צוויי אויגן, וואָלט איך געמוזט ענטפערן:

בכדי ער זאָל אָנקוקן די נאַטור געני, בכדי ער זאָל זיך אויסלערנען צו פאַרשטיין, אַז ער גופא מיט זיינע ריכטיגע און פאַלשע מיינונגען, מיט זיין הויך־פּאָליטיק איז ניט מער, ווי אַ שטיקל נאַטור־ערשיינונג, וואָס פאַרגייט ווי אַ רויך; אַז ער איז, לויט ווי מעפיסטאָ זאָגט, אַ טייל פון אַ טייל, און אַז עס האָט קיין שום יסוד ניט,

ווען אַט די קליינע נאַרישע וועלט, דער מענש, געוויינטליך פאַר אַ גאַנצער זאַך זיך האַלט.